הוצאת „מזרחי".

אונזערע פליכטען אינ'ם יעצטיגען מאמענט

די שלוס-רעדע פֿונ'ם גאָטבינער רב

הרב יהודא ליב זלאטניק

אויף דער ערשטער מזרחי-קאָנפֿערענץ אין פוילען.

ווארשא, י"ג—ט"ו תמוז תרע"ז.

ווארשא,

דרוקעריי ל. לעווין-עפשטיין, פאוויע 38.

1917.

393

Verlag „MISROCHI"

UNSERE PFLICHTEN in JETZTIGEN AUGENBLICK

von

Rabb. J. L. ZLOTNIK.

WARSCHAU,
Druckerei L. Lewin-Epstein, Pawia 38.
1917.

Geprüft u. freigegeben Presseverwaltung Warschau, d. 28/XI 917.
Tgb. 8261. Dr. 55.

קענט איהר דעם מלך שלמה ? דעם משורר פון שיר השירים, דעם חכם פון משלי, דעם פילאָזאָף פון קהלת, וואָס איז געזעסען אין זיין קעניגליכער רעזידענץ אין ירושלים און בעהערשט די וועלט מיט זיין חכמה ?

קענט איהר דעם אלמעכטיגען קעניג, וואָס האָט געבויט דעם בית־המקדש, זיך געבאָדען אין גליק און רייכקייט, גאָט'ס שכינה שיינט אויף זיין קאָפּ און פאַר זיינע פיס בוקען זיך אַלע ?

און ווען אשמדאי פערוואַרפט איהם פון זיין קעניגליכען שטוהל און ער ווערט דערווייטערט פון זיין גליקליך לעבען און מוז זיך וואַלגערן אין דער פרעמד, בעטלען ביי פרעמדע טישען, אויך דאַן פערליערט ער נישט זיין קעניגליכען שטאָלץ, ער פערגעסט נישט, ווער און וואָס ער איז, הויך און דרייסט רופט ער איבעראל : „אני שלמה !"

קיינער גלויבט איהם נישט, מען שפעט פון איהם, קיינער דערקענט נישט אין'ם היינטיגען בעטלער דעם נעכטיגען און מאָרגענדיגען קעניג, ער ווערט אָבער ווייניג נתפעל פון דעם אַרומיגען לאַכען, אָהן אויפהער פראָקלאַמירט ער זיין פאָדערונג אויף זיין קעניגליכען שטוהל און אָהן אויפהער רופט ער איבעראל : „אני שלמה !"

מען לאַכט, מען שפּעט, ענדליך הויבען דאָך אָן די חכמים זיינע רייד, וועלכע ער חזר'ט איבער אָהן אויפהער, צו הערען, מען מיגט זיך צו זיין פאָדערונג צו און סוף כל סוף בעקומט ער צוריק זיין רעכט און זיין קעניגרייך.

* *
*

געדענקט איהר נאָך יענע גליקליכע צייטען, ווען מיר זענען אין אונזער לאַנד איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו גע-זעסען, פריי און גליקליך געלעבט, מיט דער געטליכער חכמה פערשיינט די וועלט, מיט דעם תנ"ך די מענשהייט בע-שאָנקען ?

און ווען ווילדע טיוולאָנים האָבען אונז פון אונזער היים פערטריבען, פון אונזער פרייהייט בערויבט, צווישען פרעמדע פעלקער פערשפּרייט, אין פרעמדע לענדער צוזייהט, און פון פרעמדען חסד זענען מיר אָבהענגיג, ביי פרעמדע טישען רחמים בעטען, זאָלען מיר אָבער אונזער שטאָלץ נישט פער-ליערען, נישט פערגעסען, ווער און וואָס מיר זענען, ווער מיר זענען געווען נעכטען און וואָס מיר האָבען צו זיין מאָרגען !

זאָלען מיר נישט אויפהערען צו פּראָקלאַמירען אונזערע פאָדערונגען אויף אַ פריי לעבען אין אונזער אַלטער היים ! הויך און דרייסט זאָל איבעראַל קלינגען די יודישע שטים, וואָס רופט : „אני שלמה !"

און ווען מען וועט לאַכען אויף אונזער רוף, ווי אַ חוצפּה בעטראַכטען אונזער שטאָלץ, ווי אַ משוגעת אָנזעהן אונזער גלויבען און שטרעבען, נישט פאַלט ביי אייך, ברידער! הויך און דרייסט זאָלען תמיד ביי יעדער געלעגענהייט אייער שטאָל-צער רוף און ענערגישע פאָדערונג געהערט ווערען !

„אני שלמה !" — איך פאָדער מיינע רעכט אויף מיין

קעניגליכער ירושה! אַט דער רוף זאָל פון אייערע ליפּען קיינ־מאָל נישט אַראָב, איבעראַל זאָל ער זיך הערען און ענדליך וועט מען מיט אייער פאָדערונג זיך מוזען אָנהויבען צו רעכע־נען, אייער קול וועט מוזען דערהערט ווערען און אייערע גע־רעכטע פערלאַנגען וועלען מוזען דערפילט ווערען און אייער אַלטע ירושה וועט איהר צוריק בעקומען.

ברידער! נאָך איז נישט גענוג גרויס די צאָהל פון די טרייע יודען, וואָס זאָלען ענערגיש פאָדערן די רעכט פון יודי־שען פאָלק אויף אַ פרייע״ לעבען אין ארץ־ישראל, און דאָך הויבט זיך שוין די אויסערליכע וועלט אָן צו רעכענען מיט אונזער פאָדערונג, אייראָפּאַ הויבט שוין אָן ערנסט זיך צו בע־ציהען צו אונזערע פערלאַנגען.

נאר ביי אונז אין דער מחנה פון לינקס און רעכטס געפי־נען זיך נאָך, ליידער, מענשען, וואָס בעציהען זיך מיט שפּאָט און גרינגשעצונג צו אונזער ערהאַבענער פאָדערונג, צו אונזער שטאָלצען רוף. איהר קוקט אייך אָבער נישט אום אויף זיי! נישט געשטערט זאָל ווערען אונזער היילינע אַרבייט! פעסט זאָלען מיר גלויבען אין׳ם ענדליכען ערפאָלג פון אונזער עהר־ליכער פאָדערונג!

און ווען עס געפינען זיך ברידער אָבטריניגע, וואָס ווייסען נישט, ווי צו שעצען דעם גרויסען יודישען שטאָלץ, דעם ער־האַבענעם יודישען יחוס, און מיט אַ גרינג געמיטה ווילען זיי זיך אָבזאָגען פונ׳ם אַלטען, גרייז־גראָהען יודישען פאָלק, פונ׳ם פאָלק פון דער תורה, פונ׳ם פאָלק פון די נביאים, און פאַר אַ ביסעלע רעכט און אַ לייכטער לעבען ווילען זיי צושטעהן צו פרעמדע פעלקער, פערקויפען די בכורה, ווי עשו אַמאָל, פאַר אַ טאָפּ לינזען — און זיי לאַכען נאָך אונפערשעמט אויס אייך, ליידענדע, אייך, קעמפּפענדע און שטרעבענדע, — נישט קוקט

אײַך אױס אױף זײַ, ברידער! האָט דאָך אױך עשו געשפּעט און פֿערשעמט די בכורה, — ויבז עשו את הבכורה.

די בכורה איז אָבער נישט פֿערשעמט געװאָרען פֿון עשו'ס לאַכען, עס איז פֿון איהר כבוד און אָזױען גאָרנישט געמינערט געװאָרען, זי איז װײַטער בײַ איהר הײליגקײט גע-בליבען. עשו, װאָס האָט זיך אױף איהר ערהאַבענקײט נישט געקענט, װאָס האָט זיך דערװעגט איהר אױסצולאַכען, עשו, װאָס האָט זי פֿאַר אַ טאָפּ לינזען געװאָלט פֿערקױפֿען — ער איז דער בזוי —

„בזוי אתה מאד!" — רופֿט-אױס דער יודישער נביא צו עשו'ן (עובדיה א׳)

און װען אונזערע ברידער פֿון רעכטס, די עהרליכע טרײַע יודען, די פֿרומע יודען, װאָס לײַדען מיט אונז צוזאַמען דעם שװערען גלות, װעלען קומען צו אונז און זאָגען: לײַדען-זענען מיר גרײט מיט אײַך צו לײַדען, צו אַרבײַטען אָבער פֿאַר דער פֿערבעסערונג פֿון דער יודישער לאַגע, פֿאַר דער בעפֿרײַ-אונג פֿון יודישען פֿאָלק, פֿאַר דער אױסלײזונג פֿון דער יודי-שער ערד קאָנען מיר נישט, װײַל דאָס איז קעגען דעם רצון פֿון גאָט, דען נור גאָט ב"ה אַלײן ברױך װעגען דעם צו זאָרגען, און נור ער אַלײן דאַרף דאָס צו טהון, און אַ פֿערברעכען איז דאָס, אַז מיר זאָלען װעלען טהון דאָס, װאָס כביכול אַלײן בכבודו ובעצמו דאַרף טהון —

זאָגט זײַ, ברידער, אַז נישט ריכטיג איז זײַער װעג. קײן שום זאַך אױף דער װעלט קאָן דער מענש אָהן דער געט-ליכער הילף נישט דערגרײַכען, נישט אָנהױבען און נישט אױספֿיהרען. מיט קײן שום זאַך טאָר אָבער דער מענש נישט װאַרטען, אַז גאָט ב"ה זאָל עס אַלײן אינגאַנצען איהם טהון

און ער זאָל זיך זיצען רוהיג און דערביי קיין פינגער אין קאַלט וואַסער נישט אריינטהון.

מיר געפינען *), אז ווען גאָט האָט געהייסען משה רבינו מאַכען די מנורה, האָט משה זיך שטאַרק בעמיהט און בשום אופן נישט געקאָנט זי מאַכען. ווען ער האָט זיך שוין גערהאַט גוט אָנגעמאַטערט, האָט גאָט איהם געהייסען, ער זאָל נעהמען אַ צענטנער גאָלד און אין פייער אריינוואַרפען, דאַן איז די מנורה אַליין פון זיך געמאַכט געוואָרען, ווי עס האָט געבריכט צו זיין.

עס פרעגט זיך: האָט דאָך גאָט באַלד געוואוסט, אַז משה וועט אַליין די מנורה נישט קאָנען מאַכען. צו וואָס-זשע האָט ער געוואַרט, ביז משה וועט זיך אומזיסט און אומגישט אָבאַרבייטען און פערשוועכען זיינע כחות, און דערנאָך ערשט איהם געהייסען וואַרפען דאָס גאָלד אין פייער?

און אַז שוין יאָ מעשה-נסים, צו וואָס האָט מען געדאַרפט, אַז משה זאָל אַוש אַ גאַנצען צענטנער גאָלד אין פייער אריינוואַרפען? — האָט זי דאָך כביכול געקאָנט מאַכען אָהן דעם יודישען גאָלד אויך?

דאָס ווייזט אונז, אַז עס זענען פאַראַן אַזעלכע גרויסע און ערהאַבענע זאַכען, וואָס אַ מענשליכע האַנד איז נישט אימשטאַנד זיי פאַרטיג צו מאַכען. ווי גרויס דער מענש זאָל נישט זיין און ווי ער זאָל זיך נישט אָנשטרענגען, וועט ער בלויז מיט אייגענע כחות נישט קאָנען די זאַך פערענדיגען, דאָך ווערט

---

*) במדרש תנחומא, בהעלותך.

מקשה זהב, מהו מקשה? כלומר, מה קשה היא לעשות. שהרבה יגע משה עד שלא עשה המנורה, כיון שנתקשה, אמר הקב"ה למשה: טול זהב והשליכהו לאש והוציאהו והיא נעשית מעצמה.

ער נישט גע׳פטר׳ט, אַז ער זאָל גאָרנישט טהון, ערשט, ווען גאָט זעהט, אַז דער מענש האָט פון זיין זייט שוין געטהון אַלץ, וואָס אַ מענש קאָן נור טהון, אָנגעשטרענגט זיך ביז לעצט, מיט׳ן גאַנצען כח און מיט אַלע חושים געאַרבייט דע־רויף און דערצו איז ער נאָך גרייט זיין גאָלד דערויף אין פייער צו וואַרפען, — ערשט דאַן קומט די געטליכע הילף און מאַכט פאַרטיג דאָס, וואָס דער מענש האָט דערויף אַזוי געאַרבייט.

מיט בטול לאָמיר דעריבער קוקען אויף יענע, וואָס פאַר זיך און זייער הויז אַרבייטען זיי מיט כל הכחות, אַז זיי זאָלען האָבען אַלע מיני תענוגים און לוקסוס־זאַכען, ווען עס קומט אָבער צו פאָלקס-אַרבייט, צו געבען דעם פאָלק די מעגליכקייט פריי צו לעבען און פריי זיך צו ענטוויקלען, פטר׳ן זיי זיך אָב מיט דעם, וואָס זיי הייסען דאָס פאָלק וואַרטען אויף נסים. און לא די, וואָס זיי אַליין טהוען גאָרנישט, קומען זיי נאָך מיט טענות און בלבולים אויף די, וואָס אָפּפערן זייער צייט און מיה פאַר דער הייליגער פאָלקס־אַרבייט.

מיר טאָרען נישט אַוועקוואַרפען אונזער הייליגע אַרבייט צוליעב דעם, וואָס אַ געוויסער טייל פון פאָלק בעציהט זיך צו אונז מיט אונצוטרוי און זאָגט, אַז אונזערע מעשים זענען געגען גאָט׳ס רצון. ווען משה רבינו האָט נישט געוואָלט נעהן אויסלייזען יודען פון מצרים, ווייל דאָס פאָלק, האָט ער געוואוסט, וועט זיך בעציהען צו איהם און זיינע בעפרייאונגס-אידעען מיט אונצוטרוי און זאָגען, אַז עס איז נישט מיט איהם און זיינע מעשים גאָט׳ס רצון*), — האָט גאָט איהם געהייסען אַריינלעגען זיין האַנד אין שויס, און ווי משה האָט

*) ויען משה ויאמר: והן לא יאמינו לי ולא ישמעו בקולי כי יאמרו לא נראה אליך ה׳. (שמות ד׳, א׳).

נור זײַן האַנד אַרײַנגעלעגט אין שויס, האָט ער דערזעהן, אַז זי איז מצורע, קרעציג געוואָרען.

דאָס האָט איהם נאָט געוויזען: משה, דײַן פאָלק איז פערשמאַכטעט אין קנעכטשאַפט, טרינקט זיך אין צרות און נויט, איז שוין אַזוי ווײַט געפאַלען ביז נישט בעגײַסטערט צו ווערען פון די בעפרײַאונגס-מעגליכקײַטען, וואָס עפענען זיך פאַר איהם, נאָר כשור לעול וכחמור למשא בייגט ער דעם קאָפּ פאַר יעדען בעדריקער און צו דעם, וואָס קומט צו איהם רײַדען וועגען הילף און פרײַהײַט, בעציהט ער זיך מיט חשד און געפינט נאָך דערינען אַ שטרעבונג געגען גאָט, דאָס האָט דאָך דיר בעדאַרפט צוגעבען אַ בעזונדערן כח צו אַרבײַטען פאַר דער אויפלעבונג פון דײַן געפאַלען פאָלק; דאָס האָט דאָך דיך בעזונדערס בעדאַרפט צו דערוועקען צו ענערגישע מעשים צו זײַער בעפרײַאונג. צום סוף ווילסטו, משה, נײַעט געהן זײַ העלפען. דו קוקסט, וואָס דער וועט זאָגען, וואָס יענער וועט טראַכטען?

אדרבה, משה, דו ווילסט נישט געהן, ווילסט נישט טהון עפּיס פאַר זײַער אויסלײַזונג, געה נישט, טהו נישט! לעג די הענד דײַנע אין שויס און זעץ זיך אין אַזאַ צײַט אַוועק בחבוק-ידים, און זעה און קוק, וואָס וועסטו אַליין זאָגען דערנאָך צו אַזעלכע הענד, וואָס האָבען געקאָנט און געדאַרפט העלפען די אומגליקליכע ברידער, און לסוף זענען זײַ געלעגען פער-לעגט אין שויס און גאָרנישט געטהון? בעקוק די דאָזיגע הענד, וואָס זאָגסטו צו זײַ?

משה קוקט-אָן די הענד, און זעהט, אַז מצורע, קרע-ציג זענען אַזעלכע הענד! מאוס, עקעלדיג זענען זײַ! אַזאַ מענשען דאַרף קײַנער די האַנד נישט געבען.

און דערצו איז דאָס נאָך אָנשטעקענד. מען זעהט משה

טהוט גאָרנישט, משה זיצט מיט פערלעגטע הענד און טהוט נישט פאַר'ן פאָלק — זיצט שוין אויך א צווייטער, אַ דריטער און א הונדערטסטער פון דערוויַיטענס און טהוען גאָרנישט.

מצורע, — עקעלדיג און אָנשטעקענד־קראַנק זענען אַלע הענד!...

מענליך, אַז פיעל וועלען זיך קאָנען פיהלען בעליידיגט פון די דאָזיגע רייד מיינע. מיר קאָנען זיך אָבער דערמיט נישט רעכענען. דער מדרש זאָגט*):

— ווען אַ מענש פרעגט קשיות אויף זיין חבר און פרעגט איהם אַליין: פאַרוואָס טהוסטו דאָס, פאַרוואָס טהוסטו יענס — ווערט אויך זיין חבר אין כעס אויף איהם, און די צדיקים פרעגען אָבער דעם אויבערשטען אַלע מאָל שאלות פאַרוואָס ער טהוט דאָס און דאָס (למה רגשו, למה ידרה א. א. וו.) און נאָט כעס'ט נישט אויף זיי. און פאַרוואָס כעס'ט ער טאַקע נישט אויף זיי? — ווייל זיי וועלען מיט זייערע קשיות נישט אויסען קיין טובה פאַר זיך זעלבסט, נור פאַר'ן יודישען פאָלק, דעריבער מעגען זיי פרעגען.

מיר זענען מיט אונזערע קשיות און שאלות אויף קיין פאַל נישט אויסען אונזער אייגענע טובה, נאָר די טובה פון דעם אַלטען מערטירער, פון דעם ליידענדען יודישען פאָלק, און מיר זענען בערעכטיגט קשיות צו פרעגען אויף יעדען, וואָס שטעהט פון דערוויַיטענס און העלפט נישט צו ביי דער הייליגער גרויסער ארבייט פון דער פאָלקס-בעפרייאונג.

---

*) אמר רבי יצחק: אפילו אמר אדם לחברו למה אתה עושה כך, הוא כועס עליו, והצדיקים אומרים להקב"ה: למה אתה עושה כך, ואינם נענשים. ולמה אינם נענשים? —לפי שלא בקשו טובה לעצמן אלא על ישראל. (מדרש „שוחר טוב" ב').

נאָך שטאַרקער איז אָבער אונזער קשיא, ווען מיר זעהען, דאָס ניִשט בלויז, וואָס מען העלפט אַליין ניִשט מיִט צו דער בעפרייאונג פון פאָלק, נאָר מען שטערט נאָך אַנדערע אין זייער אַרבייט.

„ועל הנביאים צויתם לאמר לא תנבאו" (עמוס ב׳, י"ב), מען לאָזט נאָרניִשט ריידען גוטס אויף דער גרויסער ציוניסטי־שער בעוועגונג, מען וואַרפט־אָן א מורא אויף מענשען, מען טעראָריזירט די רבנים, דאָס זיי זאָלען ניִשט אָפען אַרויסטרע־טען. מען האָט דערצו נאָך אַרויסגעלאָזט א ווערטעל אין גאַס: „ליִגען טאָר מען ניִשט זאָגען, דעם אמת בּרויך מען אָבער אויך ניִשט זאָגען". די אמת'ע כהנים, די אמת'ע נביאים בּרויכען אָבער אויף דעם ניִשט צו קוקען, פון אַזעלכע ווערט־לעך זיך ניִשט לאָזען פיִהרען, אויף דעם אמת'ן כהן שטעהט: „תורת אמת היתה ב פ י ה ו" (מלאכי ב׳, ו׳.) דעם אמת האָט ער ניִשט בלויז אין האַרצען, נאָר אויך אין מויל. וואָס ער האָט דעם פאָלק צו זאָגען, זאָגט ער דרייסט און אונערשראָקען, ניִשט קוקענדיג אויף רעכטס און ליִנקס.

מיִר, ווילענדיג פעדשפרייטען אונזער הייליגען אידעאַל, דעם רעיון הציוני, בּרויכען ניִשט אָנצוקומען צו גוואַלט־מיִטלען. מיִר בענוגענען זיך מיִט'ן געטליכען וואָרט, מיִט וועלכען מיִר קומען צום פאָלק, און מיִר זענען פעסט אין גלויבען, אַז ענדליך וועט זיך פאָרט דאָס פאָלק ערוואַכען און אַרומקוקען זיך און דערזעהן, אַז דער איינציִגער וועג צו זיין אויפלעבונג, דער איינציגער וועג צו זיין בעפרייאונג איז דער וועג פון ציוניזם.

משה רבינו איז נעשטראָפט געוואָרען דערפאַר, וואָס ער האָט געשלאָגען דעם שטיין, דעם שטיין האָבען זיינע קלעפּ ניִשט וועה געטהון. דאָך איז משה נעשטראָפט געוואָרען, ווייל ניִשט משה דאַרף זיך מיִט א שטעקען בענוצען.

ווען אפילו ער קומט צו אַ שטיין, דאַרף ער זיין פעסט אין זיין גלויבען, אַז מיט׳ן געטליכען וואָרט וועט ער אַלץ דערגרייכען און אין קיין פאַל ברויך ער צו דער הילף פון׳ם שטעקען זיך נישט ווענדען.

מיט׳ן געטליכען וואָרט, מיט וועלכען מיר קומען צום פאָלק, וועלען מיר אפילו די שטיינערנע הערצער ריהרען און זיי וועלען זייער וואַסער געבען צו ראַטעווען און צו אָבמינטערן דאָס פער׳חלש׳טע, פערשמאַכטע פאָלק.

בעזונדערס מוזען מיר גלויבען, אַז דאָס פאָלק וועט זיך אָברופען און קומען צו הילף אונזערע נויט-לײַדענדע ברידער אין ארץ־ישראל, וועלכע האָבען דורך די קריגס־געשעהענישען געמוזט פערלאָזען זייער הויז און היים, און וואַלגערן זיך איצט אין פרעמדע ערטער אָהן אַ דאַך איבער׳ן קאָפּ.

עמון ומואָב טאָרען צווישען יודען אויף עולם ועד זיך נישט אויסמישען. על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים. ווײַל זיי האָבען קיין ברויט און וואַסער נישט אַנטקעגען געטראָגען יודען, ווען זיי זענען פון מצרים אַרויסגעגאַנגען.

דעמאָלט האָבען יודען געהאַט אַ באַר מיט וואַסער צו טרינקען און הימליש ברויט—מן צו עסען, דערצו האָבען זיי געהאַט גענוג געלד פון ביזת מצרים און ביזת הים. דאָך, קוים האָבען עמון ומואָב זיי נישט בעגעגענט מיט ברויט און וואַסער, טאָרען זיי אין גאָט׳ס קהל נישט קומען, ווי-זשע וועלען זיך קאָנען רעכענען פאַר יודען יענע, וואָס וועלען נישט זאָרגען אויף ברויט מיט וואַסער פאַר אונזערע ווײַט-נאָהנטע ברידער, וואָס האָבען נישט געמאַכט קיין מלחמה־פערמעגענס, נאָר פעראומגליקט געוואָרען, זיצענדיג דאָרט אין ארץ־ישראל, היטענדיג די אַלטע ירושה אונזערע?

דאָ איז קיין שום תירוץ נישטאָ, קיינער קאָן נישט זאָגען,

אַז ער איז ניִשט איִמשטאַנד צו היִלף צו קומען. ביער בערב תלינו אורחות דודנים, איהר אַליין,דודנים,נעכטיגט איִן אַ וואַלד איִן ערב, אַליין האָט איהר קיין הויז, קיין היים ניִשט, דאָך — לקראת צמא התיו מים, בלחמו קדמו נודד, דעם דאָרשטיגען בעזאָרגט מיִט וואַסער, דעם פערטריִבענעם שטעלט-צו ברויט, כי מפני חרבות נדדו, מפני חרב נטושה ומפני קשת דרוכה ומפני כבד מלחמה*) — דען זיי האָבען דאָך איִבער די קריעגס-געשעהעניִשען געמוזט זייער היים, האָב און גוטס אויף הפקר לאָזען, דעריִבער איז אויף יעדען דער היילִיגסטער חוב מיִט היִלף זיי אַנטקעגען צו קומען.

און קיינער קאָן ניִשט זאָגען, אַז ער איז געקוועלט, די צייט איז אַ שווערע און ער קאָן ניִשט העלפען, דען די גמרא זאָגט אונז: „בזמן שהצבור שרוי בצער אל יאמר אדם: אלך לביתי ואוכל ואשתה ושלום עליך נפשי. ואם עשה כן — עליו הכתוב אומר: אם יכופר העון הזה לכם עד תמותון.

ווען דער כלל יודען איז איִן אַ צרה, זאָל קיינער ניִשט זאָגען, איִך וועל מיִר זאָרגען פאַר מיִר און מיין הויז, אַבי מיִר זאָלען האָבען צו עסען און צו טריִנקען און דעם כלל קאָן איִך ניִשט העלפען, דען אַזאַ זיִנד ווערט אויף עולם נעד ניִשט פערגעבען.

ושמא יאמר אדם, מי מעיד בי? אבני ביתו של אדם וקורות ביתו של אדם מעידים בו, שנאמר: כי אבן מקיר תזעק וכפים מעץ יעננה.

טאָמער וועט אָבער אַ מענש זאָגען, ווער וועט דאָס עדות זאָגען אויף מיִר (אַז איִך האָב פאַר קהל ניִשט געזאָרגט,

---

*) ישעיה כ"א, י"ג–ט"ו.

נאָר בלויז פאַר זיך)? — די שטיינער פון זיין הויז און די באַלקענס פון זיין דאַך זאָגען עדות אויף איהם.

אזוי זאָגט אונז די גמרא*). עס זענען אָבער וואונדער־באַר די רייד פון די חכמים.

ווען דאָס איז אַ מענש, וואָס גלויבט נישט, דאָס, כביכול, גאָט ב"ה ווייסט זיינע אַלע מעשים און מחשבות און ער פרעגט מי מעיד בי? — ווער וועט אויף מיר עדות זאָגען?—וועט דען אַזאַ איינער מורא האָבען, דאָס די שטיינער און העלצער פון הויז וועלען אויף איהם עדות זאָגען?

די זאַך איז אָבער, אַז אַ מענש מיינט, דאָס וויפיעל ער האָט, איז איהם אַלץ צו־ווייניג, און קיינמאָל זעהט ער נישט, דאָס ער זאָל האָבען איבריג געלד פאַר אַ צווייטען, און ווען מען הייסט איהם, ער זאָל מיטליידען מיט'ן כלל, קומען צו הילף די, וואָס נויטיגען זיך דערין, פרעגט ער אַלץ: ווער זאָגט דאָס עדות, אַז איך קאָן יענעם העלפען? איך האָב קוים גענוג פאַר זיך. פאַרהאַן אָבער פאַלען, ווען שוין דאָס, וואָס ער האָט נאָך שטיינער אין זיין וואַנד און אַ באַלקען אויף זיין קאָפּ, שוין דאָס זאָגט עדות, אַז ער קאָן און מוז העלפען, דען ס'זענען פאַרהאַן אַנדערע, וואָס האָבען שוין דאָס אויך נישט!

זאָל יעדער פיהלען פאַר זיין הייליגסטען חוב צו קומען צו הילף אונזערע ברידער, די ערשטע חלוצים אין ארץ־ישראל, אין דעם דאָזיגען שווערען מאָמענט, ווען זיי האָבען שוין זאָגאַר קיין הויז נישט, קיין דאַך נישט.

און זאָלען מיר אויך זעהן צו פערברייטערן אונזערע הילפס־טעטיגקייט און שטיצען מיט כל המעגליכקייטען אויך

---

*) תענית, י"א.

דעם נאַציאָנאַל-פאָנד און דעם הלוצים-פאָנד, אזוי, אז בײַ דער ערשטער מעגליכקייט זאָלען מיר האָבען גענוג געלד און גענוג מענשען ניט נור צוריק צו ערוואַרבען דאָס, וואָס דער קריעג האָט חרוב געמאַכט, נאָר בכלל צו פערגרעסערן און צו בערייכערן דעם יודישען בעזיץ אין ארץ-ישראל, אַזוי, אַז מיר זאָלען האָבען גענוג מיטלען און גענוג מענשען-מאַטעריאַל עפּים גרעסערע און פרוכטבאַרע אַרבייט אונטערצונעהמען.

זאָל יעדער זעהן לויט זיין יכולת מיטצוהעלפען צו די גרויסע מעשים, וואָס וויזען זיך פאַר אונז. זאָל קיינער ניט אָפּקומען בלויז מיט זיין וואָרט פאַר זיך און זיין הויז. „ווי קליין איז דער מענש, וואָס איהם איז ניט אייגן אין זיין הויז!"

ווי איז צו בעדויערן דער מענש, וואָס לעבט ניט פאַר קיינעם, נאָר פאַר זיין הויז און שטאַרבט ניט פאַר קיינעם, נאָר פאַר זיין הויז!

ווען אלימלך שטאַרבט, שטעהט: „וימת אלימלך איש נעמי", ער איז קיינעם ניט געשטאָרבען נור זיין ווייב.

ווען משה רבינו איז אָבער נפטר געוואָרען, שטעהט ניט „וימת משה איש צפורה", נאָר א בת-קול איז אַרויסגע-גאַנגען, דערצעהלט דער מדרש, און איבער דער גאַנצער מחנה אויסגערופען: וימת משה — וימת משה ספרא רבה דישראל!

דער גרויסער פאָלקס-מענש, דער גרויסער פאָלקס-רבי, דער גרויסער פאָלקס-פיהרער איז אַוועק!

מעגליך, אַז דאָס נידריגסטע אין דער וועלט איז דאָס געלד און דאָס שטרעבען נאָך געלד. פאַרדאַן אָבער פאַלען, אַז די הייליגסטע זאַכען קאָנען אָהן געלד ניט דערגרייכט ווערען. פאַרהאַן, אַז פונ'ם געלד איז אָפּהענגיג דאָס העכ-סטע, שענסטע און ערהאַבענסטע פון דער וועלט.

דער ירושלמי און מדרש זאָגען אונז, דאָס ווען מען האָט יודען געהייסען געבען דעם מחצית־השקל, האָט כביכול אַרויסגענומען אַ פייערדיגע מטבע פון הינטער׳ן כסא־הכבוד און געזאָגט משה׳ן: כזה יתנו — אַזוינס זאָלען יודען געבען!*)

עס איז אינטערעסאַנט זיך אָבצושטעלען אויף דעם אויסדרוק: „פון הינטער דעם כסא-הכבוד". צי געפינט זיך דען הינטער׳ן כסא־הכבוד אַ קאַסע מיט געלד?

נאָר פאַרהאַן אַזאַ מטבע, וואָס דער כסא הכבוד שטעהט אַמאָל אויף איהר, וואָס דער כבוד פון גאָט, פון דער תורה, פון פאָלק איז אָבהענגיג פון איהר.

זאָלען מיר אין היינטיגען מאָמענט, ווען יעדעס פאָלק אָפּפערט אַזוי פיעל יונגע לעבענס, פערמעגענס פון דורות פאַר זיין קיום, פאַר זיין פריי־הייט, פאַר זיין כבוד און עהרע, זאָלען מיר אין דעם דאָזיגען גרויסען מאָמענט נישט קאָנען אָפּפערן געוויסע סכומים פאַר אונזערע גרויסע ברידער, וואָס האָבען אַלץ פערלאָזען און געגאַנגען קיין ארץ-ישראל צו בויען די גרויסע יודישע צוקונפט? זאָלען מיר נישט קאָנען בעזאָרגען מיט גענוג מיטלען די חלוצים, וואָס ווילען זיך צו־גרייטען, כדי באַלד נאָכ׳ן קריעג צו קאָנען פאָהרען קיין ארץ-ישראל צו בעאַרבייטען און צו בעלעבען מיט זייער כח, בלוט און שווייס די היילינע ערד? זאָלען מיר נישט קאָנען אָפּפערן גענוג געלד פאַר׳ן נאַציאָנאַל-פאָנד, כדי ער זאָל האָבען די מעגליכקייט אויסצוקויפען גענוג גרויסע און גענוג אָנגעזעהענע שטרעקעס לאַנד אין ארץ־ישראל?

ווי ווערט דאַן פאַלען, חלילה, דער כבוד פון אונזער היי־

---

*) כמין מטבע של אש הוציא הקב"ה מתחת כסא הכבוד ואמר לו למשה: כזה יתנו.

ליגער תורה, דער כבוד פון דעם יודישען פאָלק, גי׳ וועט דאָן, חלילה, פערשוואכט ווערען דער כבוד ה׳ !

צו דער אַרבייט דעריבער, ברידער! צו דער גרויסער אַרבייט פון ראַטעוועז דעם כבוד כסא ה׳, דעם אָנזעהן פון אונזער תורה, דעם אָנזעהן פון יודישען פאָלק. זאָלען געזאַמעלט ווערען די נעהעריגע סומען פאַר די מלחמה-געליטענע אין ארץ-ישראל, פאַר׳ן נאַציאָנאַל-פאָנד און פאַר׳ן חלוצים-פאָנד, כומען, וואָס זאָלען ענטשפּרעכען די גרויסע ציעלען, די גרויסע אויפגאַבען און דעם גרויסען מאָמענט.

מיט בעזונדערער ענערגיע מוז זיך נעהמען צו דער אַרבייט דער, וואָס פערשטעהט איהר גאַנצע גרויס און זעהט, ווי ווייניג עס איז די צאָהל פון די, וואָס פערשטעהען.

המלאכה מרובה והפועלים מועטים. גרויס איז דאָס פעלד און קליין איז די צאָהל אַרבייטער.

פיעל פון די געעהרטע פאָר-רעדנער האָבען דעם דאָזיגען הערליכען מאָמענט געגליכען צו די נעילה-שטונדען. לאָז מיר ערלויבט זיין אויך דאָ צו דערמאָהנען אַ פסוק פון נעילה: „פתח לנו שער בעת נעילת שער״.

אונזער אַרבייט צווישען די פיער ווענד פון׳ם דאָזיגען זאַל ערקלער איך פאַר געענדיגט, זאָל-זשע זיך איצט אָנהויבען אונזער אַרבייט איבער די יודישע גאַסען אין שטעדט און שטעדטליך און זאָלען מיר נישט רוהען ביז מיר וועלען צוריק זעהן אונזער פאָלק איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו, נוהיג און גליקליך אויף די הררי-יהודה אין ארץ-ישראל!

nzere flikhṭen in'm yetsṭigen moment : di shlus rede ... oyf dem e
Avida, Yehuda Leib, 1887-1962
Film A 372.393
Harvard Library Judaica Division
[376] unzereflikheninm
Oct 17, 2016
unzereflikheninm00
ST